# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

בא

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

מכון
באר
האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com
טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

# בא


למען תזכור כל ימי חייך - אַלעמאָל געדענקן דעם השגחה פרטית ........ א

אהבת עולם אהבתנו - דעם אויבערשטען'ס ליבשאַפט צו דיר איז אָן קיין שיעור ........ י

בחוזק יד הוציאנו - זהירות אין ענינים בין אדם לחבירו ........ יב

# בא

### למען תזכור כל ימי חייך - אַלעמאָל געדענקן דעם השגחה פרטית

**הנני** מביא מחר ארבה בגבולך, וכסה את עין הארץ ולא יוכל לראות את הארץ, ואכל את יתר הפליטה הנשארת לכם מן הברד, ואכל את כל העץ הצומח לכם מן השדה (י, ד-ה).

**פרעגט** דער מאָדזשיצער רבי, הרה"ק רבי שאול ידידי' אלעזר זצ"ל ("ישא ברכה", בא, ד"ה "הנני") פאַרוואָס שטייט ביי די מכה פון ארבה, דאָס וואָרט "בגבולך" - אין דיינע גרעניצן - אַנדערש ווי ביי די אַנדערע מכות, וואו דער פסוק זאָגט נישט אז דער אויבערשטער וועט ברענגען די מכה "אין דיינע גרעניצן"? נאָך מער, דער ענין פון "גרעניץ" זאָגט די תורה נאָך אַמאָל "וינח בכל גבול מצרים" (פסוק יד). אויך פרעגט ער, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַ דאָפּלט לשון: "וכסה את עין הארץ", און "ולא יוכל לראות את הארץ"? אויך איז שווער, פאַרוואָס דאַרף דער פסוק זאָגן "ואכל את כל העץ הצומח לכם מן השדה"? יעדער בוים וואַקסט דאָך אויפ'ן פעלד.

**ענטפערט** דער מאָדזשיצער רבי, אַז פרעה האָט נישט געגלייבט אַז אַלע פּאַסירונגען אויף דער וועלט, זענען בהשגחה פרטית פון דעם אויבערשטען. ער האָט זיך איינגערעדט אַז די וועלט פירט זיך לויט די געזעצן פון טבע, אָן די השגחה פון באַשעפער ח"ו. זאָגט ער, "ארץ" איז מרמז אויף די טבע, און "שמים" ווייזט, אַז מ'שטייט העכער פון דרך הטבע.

**אַזוי** זאָגט דער פסוק ביי אברהם אבינו ע"ה (בראשית טו, ה) "ויוצא אותו החוצה, ויאמר הבט נא השמימה", דער אויבערשטער האָט אַרויסגעפירט אברהם אינדרויסן, און האָט איהם באַפוילן צו קוקן אויפ'ן הימל. זאָגט רש"י, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם, גיי אַרויס פון דיין "אצטגנינות" (שטערן-זעהעריי) וואָס דו האָסט געזעהן אין דיין מזל אַז דו וועסט נישט האָבן קיין קינדער, זאָלסט ענדערש קוקן אויפ'ן הימל, וועסטו זעהן ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט מיט אַ השגחה פרטית, העכער פון דרך הטבע. קוק נישט אויף דער ערד, וואָס איז מרמז אויף די טבעיות'דיגע הנהגה, ווייל לויט'ן דרך הטבע, קענסטו טאַקע נישט געבוירן קינדער, אָבער העכער פון די טבע, וועסטו האָבן קינדער, "ככוכבי השמים לרוב", אַזוי ווי די שטערן אויפ'ן הימל, וואָס זענען פילצאָליג.

**לויט** דעם, קען מען פאַרשטיין די פסוקים ביי די מכה פון היישעריקן. די מכה פון ארבה איז געקומען בטל מאַכן די מחשבות פון כפירה, אַז די וועלט פירט זיך ח"ו פון זיך אַליין, אָן די השגחה פרטית פון באַשעפער ברוך הוא. דער באַשעפער האָט געוואָלט אַז יעדער איינער זאָל אנערקענען אַז ס'איז נישט דאָ ביי דעם אויבערשטען, אַזאַ זאַך ווי "טבע". דער דרך הטבע האָט טאַקע "גרעניצן", און אויף דעם האָט דער אויבערשטער געזאָגט, איך ברענג אַ היישעריק "בגבולך" - אין דיינע גרעניצן. ווייל נאָר די טבע האָט "גרעניצן", אָבער די פירונג פון דעם אויבערשטען איז העכער פון טבע, אָן גרעניצן און אָן געזעצן. דער אויבערשטער דרייט איבער לויט זיין רצון, די מערכות פון די טבע.

**דער** היישעריק האָט בטל געמאַכט די נאַטורליכע "גרעניצן" ("בגבולך"), און אויף דעם זאָגט דער פסוק, "וכסה את עין הארץ ולא יוכל לראות את הארץ". מ'וועט מער נישט קוקן אויף די וועלט, צו זאָגן אַז די וועלט פירט זיך לויט'ן דרך הטבע, נאָר אַלע וועלן גלייבן אַז ס'איז דאָ אַ הנהגה פון באַשעפער בדרך נס.

**דאָס** איז אויך די כוונה פון פסוק (קהלת א, ג) "מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש". וואָס פאַרדינט דער מענטש מיט זיין גאַנצע האָרעוואַניע וואָס ער פלאָגט זיך אונטער די זון. זאָגן די חז"ל (קה"ר פ"א, ד) "תחת השמש אין לו יתרון, אבל למעלה מן השמש יש לו". אונטער די זון, פאַרדינט ער גאָרנישט פון זיין שווערע האָרעוואַניע, אָבער העכער די זון, האָט ער יאָ אַ שכר.

**קען** מען זאָגן אַ כוונה דעריין, אַז דער מענטש וואָס גלייבט אַז די גאַנצע הנהגה אויף דער וועלט איז "אונטער די זון" - לויט'ן דרך הטבע, אַזאַ איינער האָט טאַקע נישט אַ האָפענונג ח"ו, ווייל די טבע איז דאָך

באַגרעניצט, און אַמאָל אויב ס'מאכט זיך אז ס'ענדיגט זיך זיין שפייז, נו, וואו וועט ער נעמען נאָך שפייז? אָבער דער מענטש וואָס גלייבט "למעלה מן השמש" - העכער פון די זון, דאָס הייסט, ער גלייבט אַז דער אויבערשטער אַליין פירט די וועלט מיט זיין השגחה פרטית אויף יעדע זאַך, אַזאַ איינער פאַרדינט, ער האָט אַ "יתרון", ווייל דער אויבערשטער געבט איהם פרנסה אויף אַן אופן העכער פון דרך הטבע[א], און דאָס זעלבע, אויך אַלע אַנדערע זיינע גשמיות'דיגע געברויכן.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: "ואכל את 'יתר' הפליטה". אויב דו גלייבסט אַז אַלעם פירט זיך מיט'ן דרך הטבע, און אַז דער בוים וואַקסט "מן השדה" - פונעם פעלד - אויף אַ נאַטורליכן אופן. עס דאַכט זיך דיר,

---

**א.** הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל, דער משגיח פון דער פאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, פלעגט זאָגן, אויף דער וועלט זענען פאַראַן מיליאָנען בעלי חיים. זיי וואַלגערן זיך אין אַלע מיסטן, א.ד.ג., און עס זעהט אויס ווי קיינער זאָרגט נישט פאַר זיי, זיי צו שפייזן צום לעבן. אדרבה, זיי ווערן פאַרטריבן פון איין אָרט צום אַנדערן. פונדעסטוועגן, איז אַפילו איין בעל חי נאָך נישט געשטאָרבן פון הונגער, ווייל דער אויבערשטער שפייזט יעדע באַשעפעניש אויף דער וועלט. און אויב דאָס איז געזאָגט געוואָרן בנוגע "בעלי חיים", איז דאָך אַוודאי געוויס מענטשן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן מיט'ן "צלם אלוקים", ווערן חלילה נישט פאַרלאָזט פון דעם אויבערשטען, ער שפייזט זיי שטענדיג.

אַ איד פון ארץ ישראל, וועמען מיר וועלן דאָ, לצורך הענין, אָנרופן "משה פריעדמאַן", איז יאָרן צוריק געווען רייך, און האָט אָנגעפיהרט אַ גרויסן גמ"ח, אַרויסבאָרגנדיג געלט פאַר נצרכים. עטליכע יאָר צוריק, ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער עקאָנאָמישער קריזיס אויף דער וועלט, האָט אויך "משה פריעדמאַן" - ווי פילע אַנדערע היימישע אידן - ליידער פאַרלוירן זיין גאַנצן פאַרמעגן (אין זיין פאַל - אין בלויז געציילטע שטונדן). ער איז איבערנאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ רייכן בעל יכולת, אין אַ בלוטיגן אָרימאַן ל"ע. ער האָט אָבער נישט אויפגעגעבן האָפענונג. ער האָט זיך געשטאַרקט, און ווייטער אָנגעפיהרט מיט'ן גמ"ח, אַרויסבאָרגנדיג געלט פאַר מענטשן, ווי ווייט מעגליך.

ווען זיין מצב אין פרנסה האָט זיך פאַרערגערט ל"ע פון טאָג צו טאָג, האָט ער - מיט'ן ציל אָנצוהאַלטן ווייטער די גמילות-חסדים קאַסע - אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, כדי מזכה צו זיין אידן מיט די מצוה פון צדקה, און אַז ער זאָל קענען אָנגיין מיט'ן גמ"ח, צו העלפן זיינע נויטבאַדערפטיגע ברידער אין ארץ ישראל. איינמאָל איז ער אַדורכגעגאַנגען מיט זיין "וועגווייזער" ביים הויז פון אַ רייכן איד, אָבער דער באַגלייטער האָט פאָרגעזעצט צו גיין ווייטער, און האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביים הויז פון דעם גביר. האָט "משה פריעדמאַן" געפרעגט זיין באַגלייטער, צו דען איז נישט כדאי אָנצוקלאַפּן אויף די טיר פון דעם רייכן איד? האָט זיין באַגלייטער און "וועגווייזער", איהם געענטפערט:

- ריכטיג טאַקע, דער איד וואָס וואוינט דאָ אין דעם הויז, איז באַקאַנט אַלס אַ גרויסער בעל צדקה. ער פאַרטיילט ריזיגע סומעס פאַר יעדן איינעם וואָס באַוועיזט אָנצוקומען צו איהם. ס'איז אָבער זייער שווער "זוכה צו זיין" אַריינצוקומען דאָ. מ'לאָזט דאָ אַריין נאָר מנהלים פון מוסדות, און באַקאַנטע עסקנים... האָט "משה פריעדמאַן" פּרובירט זיין מזל, כדי יוצא צו זיין דעם חיוב פון "השתדלות". ער האָט אָנגעקלאַפּט אויף די טיר. אַ שומר האָט געעפנט די טיר, און הערנדיג אַז דאָ שטייט פאַר איהם "משה פריעדמאַן", האָט ער איהם מכבד געווען צו זיצן, ביז דער בעל הבית וועט אַראָפּקומען.

באַלד האָט "משה פריעדמאַן" געהערט ווי דער בעל הבית שרייט אַראָפּ פון אויבן, אַז ער וועט אַראָפּקומען ביז עטליכע מינוטן (אונזער "משה פריעדמאַן" האָט נישט געהאַט קיין אַנונג, פאַרוואָס אַלע מאַכן זיך דאָ אַזוי שטאַרק וויסנדיג פון איהם...). אַלזאָ, דער גביר איז אַראָפּגעקומען פון אויבערשטען שטאָק, און האָט זיך געזעצט נעבן ר' "משה פריעדמאַן". ביז געציילטע מינוטן, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אַז דאָס איז געווען אַ טעות... דער באַלעבאָס פון הויז האָט געהאַט באַשטימט אַ באַגעגעניש מיט אַ צווייטן גרויסן עושר, וואָס האָט אויך געהייסן "משה פריעדמאַן", כדי אונטערצושרייבן אויף אַ "דיעל" צו קויפן אַ שטח אין מאַנהעטן, וואו זיי ווילן צוזאַמען אויפבויען אַ ריזיגן "קאָמפּלעקס" פון געביידעס... מ'האָט על פי טעות אַריינגענומען אונזער "משה פריעדמאַן" אנשטאט יענעם "משה פריעדמאַן"... דער עושר האָט איהם אָבער געזאָגט: "שוין, אַז איר זענט שוין יאָ דאָ, זאָגט מיר וואָס האָט אייך געברענגט צו מיר

אַז דאָס "פעלד" מאַכט די ביימער וואַקסן, און דו גלייבסט נישט אַז אויך דער בוים אַליין גיט אַרויס זיינע פרוכטן אויף דעם אויבערשטען'ס באַפעל, און נישט מיט'ן דרך הטבע.

**ענליכע** ווערטער, שרייבט הרה"ק רבי גדליה ליניצער זי"ע, אין ספה"ק "תשואות חן" (פ' וארא, ד"ה "והפליתי") אַז פרעה הרשע האָט געלייקנט אין דעם גאַנצן ענין פון השגחה פרטית. ער שרייבט, אַז גלות מצרים איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מ'האָט געגלייבט אין "מקריות", דאָס הייסט, אַז יעדע זאַך איז אַ "פערצופאַל". פרעה, דער מושל אין מצרים, האָט געלייקנט אַז די וועלט פירט זיך מיט משפט און גערעכטיגקייט פון הימל. ער פלעגט זאָגן, אַז "עולם כמנהגו נוהג" (חלילה) לויט'ן דרך הטבע, און וויבאַלד די אידן זענען דעמאָלטס געווען אונטערטעניג אונטער זיין הערשאַפט אין מצרים, זענען זיי שיער פאַרזינקען געוואָרן אין די פסול'ע מחשבות.

**שרייבט** דער "תשואות חן" ווייטער: "באמת, זענען מיר נאָך נישט אויסגעלייטערט געוואָרן פונעם דעם פלעק ווי עס דאַרף צו זיין, און דער יצר הרע טאַנצט נאָך אַלץ אַרום צווישן אונז. ער ברענגט אַריין די מחשבות אין אונזערע הערצער, צו גלייבן אַז אַלעם איז בלויז אַ "צופאַל", און אַ "מקרה" וואָס האָט "פונקט" פאַסירט ח"ו[ב]. און כדי אַרויסצוגיין פון דעם קלעם, דאַרפן מיר דערמאַנען יציאת מצרים[ג] יעדן טאָג[ד], און

---

היינט". האָט ר' "משה פריעדמאַן" דערציילט אין קורצן דעם צוועק פון זיין "באַזוך", צוגעבנדיג, אַז אויך ער איז ביז לעצטנס געווען זייער רייך, אָבער דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט און ער איז געוואָרן אַ יורד ל"ע. יעצט וואַלגערט ער זיך אַרום כדי צו קענען אָנהאַלטן זיין גמ"ח אַרויסצוהעלפן אַנדערע אידן. אַלזאָ, דער גביר האָט אויפ'ן אָרט אויסגעשריבן אַ טשעק אויף נישט ווייניגער ווי 150 טויזנט דאָלאַר, און דערלאַנגט פאַר אונזער ר' "משה פריעדמאַן"...

זעהט מען פון די מעשה ווי עס פירט זיך די השגחה פון הימל, אַז דער אויבערשטער האָט צוגעפירט אַז צוויי מענטשן מיט'ן זעלבן נאָמען - "משה פריעדמאַן" - זאָלן אָנקומען אין זעלבן אָרט, ווייל דאָס געלט וואָס איז באַשערט פון הימל פאַר'ן מענטש, וועט ער סיי-ווי באַקומען, אויף יעדן אופן, מיט אַ געניע השגחה פרטית פון הימל.

**ב.** דער "תשואות חן" ברענגט דאָרט אין נאָמען פון הרה"ק רבי לייב מוכיח זי"ע פון פולנאה, אַז ער האָט געזאָגט בדרך הלצה אויפ'ן פסוק (שמואל א' כ, כו) "כי אמר מקרה הוא בלתי טהור הוא", אויב דער מענטש זאָגט אַז אַ זאַך האָט זיך פונקט "געטראָפן", עס איז נישט מער ווי אַ "מקרה", איז אַ סימן אַז ער איז "בלתי טהור" ח"ו..

**ג.** דער "יסוד העבודה" (ח"ד, פ"ג) שרייבט (און ענליך זאָגט דער "שם משמואל", הגש"פ, ד"ה "ואפילו כולנו חכמים") אַז פונקט ווי יעדע מצוה פון די תרי"ג מצוות האָט אַ ספּעציעלע סגולה, ווי מצות ציצית, וואָס איז מסוגל אויף שמירת המחשבה - "ולא תתורו אחרי לבבכם" וגו', אַזוי איז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים מסוגל, צו ברענגען דעם מענטש צו פאַרשטאַרקן זיין אמונה אין באַשעפער, ווייל דורך דעם וואָס ער פאַרטיפט זיך אין די גרויסע נסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן, און אַז ער איז דער "בעל היכולת כולם", איבערצודרייען אַלע מערכות פון די טבע, טוט זיין אמונה און בטחון זיך שטאַרקן אין איהם, און ער וועט נישט ווערן פאַרטרויערט פון אַלעם וואָס פאַסירט מיט איהם. ער וועט זיך שטענדיג פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**ד.** עס איז נישט גענוג צו דערמאַנען יציאת מצרים איינמאָל אַ יאָר, אין יום טוב פסח, נאָר מיר זענען באַפוילן געוואָרן (דברים טז, ג) "למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך", ווייל אַזוי איז, צום ביישפּיל, ביי אַלע ענינים פון רפואה. עס זענען דאָ מעדיצינען וואָס עס איז גענוג צו נעמען איינמאָל אין אַ לענגערע צייט, און עס זענען דאָ מעדיצינען וואָס דער פּאַציענט דאַרף נעמען יעדן טאָג. וויטאַמינען, וואָס שטאַרקן דעם קערפּער פונעם מענטש, איז גענוג צו נעמען איינמאָל אין עטליכע טעג - יעדעס איינע לויט זיין ענין. פון דער צווייטער זייט, ברויט איז נויטיג פאַר'ן געזונט פון מענטש יעדן טאָג.

דער נמשל איז, די ימים טובים פון יאָר, זענען אַזוי ווי "וויטאַמינען", וואָס האָבן אַן איינפלוס פונעם יום טוב אויפ'ן גאַנצן יאָר. פון יום כיפור, שעפּט דער מענטש טהרת הנפש אויפ'ן גאַנצן יאָר. די טעג פון יום טוב סוכות, זענען משפיע שמחה אויפ'ן גאַנצן יאָר, און אַזוי אויך דער יום טוב פסח, איז משפיע אמונה און חרות אויפ'ן גאַנצן יאָר. די מצוה צו געדענקען יציאת מצרים, דאַרף אָבער דער מענטש שטענדיג מקיים זיין, ווייל אמונה איז דאָס

גלייבן באמונה שלימה אַז אַלעס איז פון דעם באַשעפער ברוך הוא, און אַ מענטש רירט נישט מיט זיין פינגער אויף דער וועלט אויב מ'רופט נישט אויס אין הימל ער זאָל רירן זיין פינגער". "ומה' מצעדי גבר כוננו, כל פסיעה ופסיעה מכוונת לנסתרות שלה' אלקינו", יעדער טריט און שריט (וואָס דער מענטש גייט) איז אויסגערעכנט פונקטליך, פון די פאַרבאָרגענישן פונעם באַשעפער[ה].

**פירט** אויס דער "תשואות חן", אַז דאָס איז די כוונה פון די ווערטער פון די חז"ל (שבת לא.) "אמונת,

---

"ברויט" פון אַ איד, וואָס אָן דעם קען ער נישט עקזיסטירן אויף דער וועלט. מ'דאַרף זיך אַלזאָ פאַרטיפן אין די נסים פון יציאת מצרים, נישט צו זאָגן די פסוקים סתם אַזוי, נאָר מ'זאָל עס לערנען אויף אַן אופן פון "שנים מקרא ואחד תרגום", "איבערטייטשן" די ענינים אין האַרצן, אַז דאָס האַרץ זאָל פול ווערן מיט ריינע און לויטערע אמונה אין גרויסן באַשעפער.

על דרך משל, אַ מענטש האָט געהאַט אַ האַלדז ווייטאָג, און דער דאָקטאָר האָט איהם פאַרשריבן אַ ביטערן רעצעפּט, ער זאָל עס אויסנאָגן, און זיינע ווייטאָגן וועלן אַוועקגיין. דער פּאַציענט האָט אָבער אַראָפּגעשלינגען דעם רעצעפּט אויף איינמאָל, אָן עס אויסצונאָגן. איז דאָך זעלבסט פאַרשטענדליך אַז דער רעצעפּט וועט איהם נישט אויסהיילן פונעם האַלדז ווייטאָג. דאָס זעלבע, דאַרפן מיר "אויסנאָגן" דעם סיפור פון די "מכות", און פון די אותות ומופתים וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן אין מצרים.

אויף דעם זאָגט דער פסוק (חבקוק ב, ד) "וצדיק באמונתו יחיה". דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה. דער פסוק זאָגט נישט "באמונתו יאכל", ער וועט עסן מיט זיין אמונה, ווייל ביי שפייז, איז גענוג פאַר'ן מענטש צו עסן עטליכע מאָל אַ טאָג, אָבער לופט צום אָטעמען, דאַרף דער מענטש האָבן יעדע מינוט פון טאָג. אויב ער וועט אויפהערן אָטעמען אַפילו געציילטע סעקונדעס, וועט ער חלילה באַלד אומקערן זיין נשמה צום באַשעפער. וועגן דעם זאָגט דער נביא "באמונתו יחיה", אמונה איז דאָס לעבן פון אַ מענטש. ער "אָטעמט" עס יעדע מינוט. אַך און וויי צו איהם, אויב ער וועט פאַרלירן זיין האָפענונג אין באַשעפער אַפילו אויף אַ סעקונדע.

דער "חזון איש" זי"ע האָט געזאָגט, אַז פונקט ווי ווען מ'וויל טרינקען אַ הייסן גלאָז קאַווע, דאַרף מען עס אַוועקשטעלן אויפ'ן פייער, ווייל אויב מ'נעמט עס אַראָפּ פון פייער קילט עס זיך אָפּ, און מ'דאַרף עס ווידעראַמאָל אָפּקאָכן. אַזוי איז אויך בנוגע אמונה. דער מענטש דאַרף כסדר חזר'ן איינמאָל און נאָך אַמאָל די אמונה אין באַשעפער, און אַזוי פאַרבלייבט די "היץ" פון די אמונה אין זיינע ביינער.

**ה.** דער מענטש דאַרף זעהן קונה צו זיין דעם קנין פון אמונה און בטחון, ווייל אָן דעם, איז אַפילו אויב ער וועט זעהן קלאָר מיט זיינע אויגן דעם אויבערשטען'ס האַנט, וועט ער אַלץ טרעפן "תירוצים" צו זאָגן אַז עס איז אַ "מקרה" ח"ו, און נישט אַז דער אויבערשטער האָט עס געטוהן.

דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יא, ד) "ויאמר משה כה אמר ה' כחצות הלילה אני יוצא בתוך מצרים", משה האָט געזאָגט, דער אויבערשטער האָט געזאָגט, ביי חצות הלילה, וועל איך אַרויסגיין אין מצרים. זאָגט רש"י, אַז משה האָט געזאָגט "כחצות" הלילה, און נישט "בחצות" הלילה - גענוי אינמיטן נאַכט, ווייל ער האָט חושש געווען אַז די שטערן-זעהער פון פרעה וועלן מאַכן אַ טעות ווען עס איז די גענויע צייט פון אינמיטן נאַכט, און זיי וועלן זאָגן אַז משה איז אַ ליגנער ח"ו ווייל ער האָט געזאָגט אַז דער אויבערשטער וועט קומען אין מצרים אינמיטן נאַכט, און זיי וועלן זעהן אַז ס'איז שוין געווען אינמיטן נאַכט און דער אויבערשטער איז נישט געקומען. וועגן דעם האָט ער געזאָגט "כחצות" - בערך אינמיטן נאַכט.

האָט דער בריסקער רב זי"ע געפרעגט, דאָ האָט מען שוין געהאַלטן ביי מכת בכורות, וואָס דער פסוק זאָגט (יא, ו) "והיתה צעקה גדולה בכל ארץ מצרים, אשר כמוהו לא נהייתה וכמוהו לא תוסיף", און עס וועט זיין אַ גרויס געשריי אין גאַנצן לאַנד מצרים, וואָס אַזאַ געשריי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען, און עס וועט שוין מער נישט זיין אין מצרים. דאַן האָבן אַלע איינגעזעהן דעם אויבערשטען'ס גרויסן כח, וואָס ער האָט באַוויזן אַזעלכע וואונדער ביי די פריערדיגע ניין מכות ביז יעצט, אָבער פונדעסטוועגן, האָט משה רבינו מורא געהאַט אַז די מצריים וועלן קוקן גענוי אויף די צייט פון חצות הלילה, און זיי וועלן זאָגן אַז עס איז חלילה נישט פונעם באַשעפער'ס כח, בלויז דערפאַר ווייל עס איז נישט פונקטליך אין די מינוטן וואָס זייער זייגער ווייזט...?! אָבער דער אמת איז, ווייל אַ

מענטש וואָס גלייבט נישט אין באַשעפער, זעהט נישט אפי' דאָס וואָס איז אָפען פאַר זיינע אויגן, אָבער דער מענטש וואָס גלייבט באמונה שלימה, זעהט דעם באַשעפער'ס כח אויך אין דעם וואָס איז פאַרהוילן פון אויג.

אַזוי זאָגן די ספרים הקדושים ("שער הפסוקים", פ' וישב, ד"ה "להיות", ועוד), "פרעה" האָט די זעלבע אותיות ווי "הערף" - דער נאַקן פון מענטש. דער נאַקן איז דאָס אבר וואָס דינט ווי אַ "מחיצה" צווישן דעם מח און דאָס האַרץ פון מענטש. עס פירט דערצו אַז אפילו אויב דער מח ווייסט און גלייבט אין באַשעפער'ס הנהגה, גייט עס נישט אַריין אין האַרץ פון מענטש, ווייל דער נאַקן האַקט איבער צווישן מח און האַרץ. דאָס איז דער ציל פון "יציאת" מצרים, מיר זאָלן אַרויסגיין פון די קליפה "הערף", וואָס פרעה האָט געוואָלט "אָפּהאַקן" אידישע מוחות פון זייערע הערצער, אַז זיי זאָלן נישט גלייבן באמונה שלימה אין באַשעפער, און מיר זאָלן יאָ געדענקען אַז דער באַשעפער פירט אַלעס אויף דער וועלט.

אַ דאָקטאָר האָט אַמאָל געפרעגט דעם הייליגן צאַנזער רב, בעל "דברי חיים" זי"ע, מיט וואָס ער באַשעפטיגט זיך אַ גאַנצן טאָג. האָט דער צאַנזער רב געענטפערט: "איך בין פאַרנומען מיט בויען אַ 'בריק'. אויף די פאַרוואונדערונג פונעם דאָקטאָר וואָס ער מיינט צו זאָגן, האָט דער צאַנזער רב געענטפערט:

- איך בוי אַ 'בריק' פון מיין מח צו מיין האַרץ, צו באַהעפטן אַלע ידיעות וואָס איך האָב אין קאָפּ, צום האַרץ, אַז אויך מיין האַרץ זאָל זיין משועבד צום הייליגן באַשעפער ברוך הוא.

דער מגיד מישרים הגה"צ רבי יעקב גאַלינסקי זצ"ל האָט דערציילט, אַ איד האָט שטודירט מעדיצין ביי פּראָפעסאָרן אין יאָהאַנעסבורג, דרום אַפריקע. צווישן אַנדערע האָט ער שטודירט ווי אַזוי צו "באַפרייען" די פלייצע און די שדרה פון אַ מענטש, וועלן עס ווערט "פאַרכאַפּט". ווען דער איד איז געקומען זיך געזעגענען פון זיין גוי'שן "רבי'ן", איידער ער האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל, האָט דער גוי איהם געזאָגט, "אָהָ, דו פאָרסט דאָך צום אָרט פון די אידן, זייער גוט, ווייל דאָרט ווערסטו האָבן שיין פרנסה... איך האָב געזעהן אין חומש, אַז די אידן זענען אַן "עם קשה עורף" (שמות לד, ט) - אַ פאָלק מיט האַרטע נאַקענס... אַ סאַך מאָל ווערט דער נאַקן "פאַרכאַפּט" ביי זיי... האָט דער איד (וועלכער האָט באַגריפן דאָס עם הארצות פונעם גוי'ישן פּראָפעסאָר) איהם געזאָגט: "דו רעדסט נאַריש, ווייל פאַר דער 'האַרטנעקיגקייט' וועגן וועלכן דער פסוק רעדט דאָרט, האָט קיין דאָקטאָר אויף דער וועלט נאָך נישט געטראָפן אַ היילונג"...

אין דער ישיבה פון הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע פון סלאָנים, האָט געלערנט אַ בחור וואָס האָט ליידער געגליטשט אין אידישקייט. איינמאָל האָט דער "דברי שמואל" איהם געשיקט רופן, כדי צו זעהן אויב ס'איז ריכטיג וואָס מ'זאָגט וועגן איהם, אַז ער גליטשט ח"ו אין ענינים פון דת. זעהענדיג אַז עס איז ריכטיג, האָט דער "דברי שמואל" געזאָגט צו דעם בחור, אַז וויבאַלד ער האָט זיך געהאַלטן ביי איהם אין ישיבה ביז יעצט, זאָגט ער איהם צו, אַז ער וועט נישט אַוועקגיין פון דער וועלט אָן תשובה.

דער בחור האָט דערנאָך ליידער אַלץ מער און מער געגליטשט "מטה מטה" רח"ל, און יאָרן שפּעטער איז ער געפאָרן קיין ארץ ישראל, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין פאַרשידענע פרייע "קיבוצים", וואו דער לעבנס שטייגער איז ליידער ווייט פון אידישקייט.

איינמאָל איז ער געגאַנגען שווימען אין ים, און פּלוצלינג האָט ער זיך דערטרינקען. ווען די "מצילים" (רעטערס, וואָס גיבן אַכטונג נעבן ים, אויף די מענטשן וואָס שווימען דאָרט) זענען שנעל צוגעשוואומען איהם צו ראַטעווען, האָט ער עטליכע מאָל אויסגעשריגן דאָס וואָרט "תשובה!", "תשובה!".

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט איינער פון די "מצילים" איהם געפרעגט פאַרוואָס ער האָט אויסגעשריגן דאָס וואָרט "תשובה" עטליכע מאָל... האָט דער חברה-מאַן געענטפערט, אַז דער סלאָנימער רבי (בעל "דברי שמואל") האָט איהם געזאָגט אַז ער וועט נישט שטאַרבן אָן תשובה... וויבאַלד ער וויל נאָך נישט שטאַרבן, ער וויל נאָך לעבן... - האָט ער דערפאַר אויסגעשריגן דאָס וואָרט "תשובה", מיינענדיג צו זאָגן, אַז יעצט טוט ער נאָך נישט תשובה... ער דאַרף נאָך תשובה טוהן, און אַזוי וועט ער בלייבן לעבן, ווייל דער סלאָנימער רבי האָט דאָך איהם פאַרזיכערט אַז ער וועט נישט שטאַרבן אָן תשובה...

מיר דאַרפן זיך אַביסל אַריינטראַכטן אין דעם טיפן לימוד פון די מעשה. דער דאָזיגער "פורק עול" האָט געגלייבט באמונה שלימה אַז אַ וואָרט פון זיין רבי'ן, דעם "דברי שמואל", וועט זיכער פאַרווירקליכט ווערן, און ממילא, אויב דער רבי האָט געזאָגט אַז ער וועט נישט שטאַרבן אָן תשובה, וועט דאָס אַוודאי מקוים ווערן. אָבער פונדעסטוועגן,

זה סדר זרעים" דאָס וואָרט "אמונת" (אין פסוק "והיה אמונת עתך" וגו'), איז מרמז אויף סדר "זרעים" פון די ששה סדרי משנה. די חז"ל האָבן דערמיט געוואָלט מרמז זיין, אַז אמונה איז דער סוד פון "איינזייען" אַלע גוטע מידות אין מענטש, און דורך אמונה, האַלטן זיך ביי איהם די גוטע מדות. אָן אמונה, ווערן אַלע גוטע

---

איז ער ווייטער אָנגעגאַנגען אַלס כופר רח"ל, און האָט נישט תשובה געטוהן אַפילו ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפ'ן שוועל פונעם גיהנום.

אָט אַזוי האָט זיך געפירט פרעה הרעה. ער האָט געזאָגט (פרשתינו, ט, כז) "ה' הצדיק, ואני ועמי הרשעים". ער זעהט אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט, און דער באַשעפער איז דער צדיק, אָבער די דאָזיגע ידיעה העלפט נישט אַז ער זאָל פאַרענדערן זיינע מעשים צום גוטן, אַפילו אויף אַ האָר. דאַרפן מיר דאָך זעהן, אַז מיר זאָלן נישט זיין אַזוי ווי פרעה ח"ו, יעדער איינער פון אונז, מיט זיינע נסיונות.

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים (זעה "שם משמואל", פ' ויחי שנת תרע"ח, אין נאָמען פון הרה"ק רבי ר' בונם זי"ע פון פשיסחא, און אין "שפת אמת", פ' תולדות שנת תרע"ד) אַז עשו הרשע האָט געהאַט אַ סאַך ידיעות אין קאָפּ, פון דעם וואָס ער האָט צוגעזעהן אין הויז פון זיין הייליגן טאַטן יצחק אבינו ע"ה, אָבער דאָס האָט נישט משפיע געווען אויף זיין אויפפירונג, "שהיה משמר את לבו, שלא תכנס בו שום הארה מהשכל שבראשו", ווייל ער האָט געהיטן זיין האַרץ, אַז עס זאָל נישט אַריינקומען דערין קיין שום הארה פונעם שכל וואָס ער האָט געהאַט אין זיין קאָפּ. און דערפאַר איז עשו'ס קאָפּ באַגראָבן געוואָרן אין דער מערת המכפלה (פרדר"א סוף פל"ט), ווייל זיין קאָפּ האָט יאָ משיג געווען השגות פון קדושה.

אַזוי איז אויך לגבי פרנסה. דער "חזון איש" זי"ע שרייבט ("אמונה ובטחון", פ"ב, ג) אַז מיר זעהען אין טאָג-טעגליכן לעבן, "ראובן איש מוסרי", ראובן איז אַן ערליכער מענטש, "וזמרת הבטחון על שפתיו", ער 'זינגט' אייביג וועגן בטחון, ער פאַרדאַמט דאָס טוהן אַ סאַך השתדלות און ער פאַרעקלט זיך פון לויפן נאָך די פרנסה, אָבער דאָס אַלץ איז נאָר אַזוי לאַנג ווי ער איז מצליח, עס פעלן נישט קיין קונדן אין זיין געשעפט, און ער דאַרף זיך נישט צופיל משתדל זיין פאַר פרנסה. דאַן האָט ער ליב די מדה פון בטחון, ווייל דער בטחון ווייזט דאָך איהם אַ "פנים שוחקות"...

שרייבט דער "חזון איש" ווייטער: פלוצלינג האָבן מיר געזעהן ווי ראובן - דער 'בעל בטחון' - שישקעט זיך שטיל מיט זיינע יונגען און מיט זיינע ראַטגעבער, ווי אַזוי צו שטערן דעם פּלאַן פון זיין חבר וואָס וויל עפענען אַזאַ געשעפט ווי ער האָט, און ער איז פול מיט טרויער איבער דעם... אין אָנהייב שעמט ער זיך נאָך צו דערציילן ווי ווייט ער איז באַזאָרגט וועגן זיין חבר'ס פלאַן צו עפענען אַן ענליך געשעפט, כדי ער זאָל נישט זיין צו שאַנדע ביי די מענטשן וואָס קענען איהם. אָבער שפּעטער, פאַרלירט ער אויך די מדה פון בושה, און ער הייבט אָן מיט אָפענע השתדלות'ן צו שטערן דעם חבר'ס פלאַן. צוביסלעך, צוביסלעך, גייט ער אויף קרומע וועגן און עס ווערט צעגאַנגען די מדה פון בושה פון זיין האַרץ. ער טוט שוין דעמאָלטס שאַנדפולע מעשים און נידערטרעכטיגע פעולות פאַר אַלעמענ'ס אויגן. די קאָנקורענץ צווישן איהם און זיין חבר, באַקומט אַ "תכלית פרסום"... און עס ווערט דאָס געשפרעך פון טאָג ביי אַלע מענטשן. ער ווייסט שוין נישט צו זאָגן פון אַזאַ זאַך ווי בושה. ער טראַכט אויס פאַרשידענע פאַלשע אויסריידן צו באַרעכטיגן זיינע מעשים. און ער טוט זיך נאָך איבערקליגן צוצולייגן נייע אויפקלערונגען, אַז אַלעס וואָס ער טוט אין זיין קאָנקורענץ מיט'ן חבר, איז גאָר 'לשם שמים', און אויסגעהאַלטן לויט 'תורת המוסר'... עכ"ל.

אַמאָל אין דער נאַכט פון 'ניטל' איז דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל "אהבת ישראל" זי"ע, געזעצן און געשפילט "שאַך" מיט איינע פון זיינע חסידים, הרה"ח ר' דוד ראָזענבערג ז"ל (אַזוי האָבן זיך געפירט די צדיקים, וואָס מיר האָבן נישט קיין השגה אין זייערע הייליגע וועגן), און ר' דוד האָט "געזיגט", געווינענדיג דעם שפיל קעגן דעם רבי'ן, איינמאָל און נאָך אַמאָל. האָט דער "אהבת ישראל" איהם געזאָגט:

- אויך איך בין גוט באַהאַוונט אינעם שאַך-שפּיל, און פונדעסטוועגן, געווינסטו כסדר אין דעם פאַרמעסט קעגן מיר. די סיבה דערפון איז, ווייל איך 'ווייס' נאָר די כללים פונעם שפיל, אָבער דו 'חזר'סט' זיי כסדר...

דער לימוד דערפון על דרך העבודה איז, עס איז נישט גענוג פאַר'ן מענטש צו "וויסן" וועגן אמונה, נאָר מ'דאַרף עס שטענדיג "חזר'ן", ביז עס ווערט איינגעקריצט אין האַרץ.

מדות וואָס דער מענטש פאַרמאָגט - אפילו אויב ער האָט עס פון זיין נאַטור - אוועק געצויגן פון איהם, עס גייט פאַרלוירן ח"ו.

**ווען** דער מענטש באַקט איין אין האַרצן די אמת'ע אמונה, האָט ער קיינמאָל נישט מורא פאַר קיין שום זאַך, אפילו אין שווערע צייטן ח"ו[ו].

**דער** "חתם סופר" זי"ע זאָגט ("תורת משה", פ' בא, ד"ה "אשר התעללתי") אויפ'ן פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (י, א-ב) "ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו למען שתי אותותי אלה בקרבו, ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים". זאָגט רש"י: דער טייטש פון וואָרט "התעללתי" איז "שיחקתי" - איך האָב געלאַכט (פון די מצריים). וואָס איז געווען דער מהות פונעם "געלעכטער", וואָס דער אויבערשטער האָט אָפּגעשפּעט פון די מצריים?

**זאָגט** דער "חתם סופר", ווען די אידן זענען געווען פאַרקנעכטעט צו פרעה הרשע אין גלות מצרים, האָבן געקענט אויפקומען אין זייערע הערצער קשיות און פאַרוואונדערונגען, פאַרוואָס האָט דאָס פּאַסירט מיט זיי? זיי זענען דאָך דעם אויבערשטען'ס פאָלק, און דער אויבערשטער אַליין האָט זיי באַצייכנט (שמות ד, כב) "בני בכורי ישראל". פאַרוואָס דאַרפן זיי זיין פאַרקנעכטעט און אַרבעטן אַזוי שווער פאַר פרעה, אויף אַן אופן וואָס ס'האָט אויסגעזעהן אַז זיי וועלן, חלילה וחס, פאַרבלייבן, זיי און זייערע קינדער, עד סוף כל הדורות, משועבד צו פרעה אין מצרים? (די קשיא איז נאָך גרעסער, ווייל פרעה האָט דאָך געשטאַמט פון כנען, וואָס איז געשאָלטן געוואָרן צוליב דעם חטא פון חם (בראשית ט, כה-כו) "ויאמר ארור כנען וגו' ויהי כנען עבד למו". אויב אַזוי, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט אַז חם'ס אייניקלעך זענען אַרבעטן שווער מיט שם'ס אייניקלעך, די אידן?).

**אויך** איז שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז דאָס גאַנצע געלט, גאָלד און זילבער, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער וועלט, איז אָנגעקומען קיין מצרים אין די הונגער יאָרן, ווען מ'איז געקומען פון דער גאַנצער וועלט איינקויפן שפייז אין מצרים? דאָס איז דאָך געווען אַ בחינה פון "שפחה כי תירש גבירתה", אַ דינסט זאָל גאָר ירש'ענען איר האַר?!

**למעשה**, אָבער, שפּעטער, ווען די אידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער אויבערשטער כביכול האָט "געלאַכט" מיט אַ גרויס געלעכטער פון די מצריים. ער האָט צוגעפירט אַז די מצריים זאָלן מיינען אַז זיי זאַמלען איין אַ גרויסן פאַרמעגן פאַר זיך, אָבער פּאַקטיש, איז דער תכלית געווען, אַז דאָס גאַנצע רייכטום און פאַרמעגן זאָל שפּעטער אָנקומען אין די הענט פון די אידן, און עס זאָל מקוים ווערן די הבטחה פונעם באַשעפער (בראשית טו, יד) "ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", און נאָך דעם זאָלן די אידן אַרויסגיין פון מצרים מיט אַ גרויס פאַרמעגן.

**טאַקע** פאַר דעם צוועק, זענען די אידן פאַרקנעכטעט געוואָרן אין מצרים און האָבן דאָרט שווער געאַרבעט, כדי אַז ביים סוף פון גלות מצרים, זאָלן זיי אַרויסגיין פון דאָרט מיט אַ גרויסן פאַרמעגן, און אויסליידיגן מצרים ווי אַ נעץ וואָס איז געוואָרן אויסגעליידיגט פון אירע פיש (ברכות ט:). קומט אויס, אַז דער גאַנצער הסתר פנים וואָס האָט געהערשט ווען די אידן זענען ליידער אַזוי געפּייניגט געוואָרן אין מצרים, איז גאָר געווען אַ טובה פאַר זיי אויף שפּעטער.

**פירט** אויס דער "חתם סופר", אַז דאָס איז דער תכלית פון "סיפור יציאת מצרים", צו דערמאָנען ווי דער אויבערשטער האָט "געלאַכט" פון די מצריים. דער גאַנצער גלות האָט געדויערט 320 יאָר (די הונגער יאָר, די

**ו.** דער "דברי ישראל" זאָגט אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (י, י-יא) "יהי כן ה' עמכם וגו', לא כן לכו נא הגברים". מ'קען זאָגן בדרך רמז, ווען דער מענטש זאָגט "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט איז צום גוטן, און אויב דער אויבערשטער וויל אַזוי, "יהי כן" - זאָל אַזוי זיין... דאַן איז טאַקע "ה' עמכם", וועט מדת הרחמים (שם הוי' ב"ה) זיין מיט אייך. אָבער אויב דער מענטש האָט טענות צום באַשעפער ח"ו, און ער זאָגט "לא כן" - עס זאָל נישט זיין אַזוי... דאַן איז "לכו נא הגברים", קומען די דינים ח"ו ("גברים" פון לשון "גבורה"). דעריבער, דאַרף מען שטענדיג זאָגן "יהי כן".

זאַטיגע יאָרן, און דער שעבוד וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך דעם ווי דער לעצטער פון די שבטים - לוי - איז נסתלק געוואָרן). ממילא, האָבן אַ סאַך פון די קינדער און אייניקלעך וואָס זענען געבוירן געוואָרן שוין אין די שווערע צייטן פון שעבוד מצרים (און זענען אַוועק פון דער וועלט נאָך פאַר די גאולה פון מצרים), שוין נישט זוכה געווען צו זעהן די טובה וואָס איז אַרויסגעקומען דערפון (אַז "ואחר כן יצאו ברכוש גדול"), אָבער דער מענטש וואָס גלייבט באמת, ווייסט אַז דער אויבערשטער ברוך הוא איז "היה, הוה, ויהי'...", און ער פירט אַלעם אויף דער וועלט מיט אַ פונקטליכן חשבון.

**צוליב** דעם דאַרפן מיר דערציילן וועגן יציאת מצרים, כדי אַריינצוברענגען אין האַרץ די ריינע אמונה אויף אַלע דורות, אַז מ'זאָל וויסן קלאָר ביי יעדן נסיון און הסתרה אַז אַלעס איז פאַר אונזער טובה'! נאָר בשעת מעשה, קען דער מענטש נישט פאַרשטיין די וועגן פון די השגחה העליונה. די עבודה פון אַ איד איז צו גלייבן אַז אַלעס איז לטובה, און האָפן אויף דעם באַשעפער'ס גרויסע חסדים[ח].

**לויט** דעם טייטשט דער "חתם סופר" די פסוקים (תהלים קו, ו-ז) "חטאנו עם אבותינו העוינו הרשענו, אבותינו במצרים לא השכילו נפלאותיך, לא זכרו את רוב חסדיך

---

**ז.** דער גאון רבי שלמה קלוגער זי"ע שרייבט אין "חכמת שלמה" (או"ח סי' מו) אויף דעם וואָס עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך, אַז ווען דער מענטש טוט אָן אינדערפרי זיינע שיך, דאַרף ער מאַכן די ברכה "שעשה לי כל צרכי". זאָגט רבי שלמה קלוגער אַ טעם בדרך רמז, ווייל ווען דער מענטש מאַכט די ברכה "שעשה לי כל צרכי", איז ער מקיים דערמיט דעם מאמר חז"ל (ברכות נד.) "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", מ'דאַרף דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר די שלעכטס ח"ו פונקט ווי מ'לויבט איהם פאַר'ן גוטס וואָס ער טוט מיט'ן מענטש. ווען דער מענטש זאָגט "שעשה לי כל צרכי", אפי' אין טעג ווען עס גייט איהם נישט אַזוי גוט, מוז דאָך זיין אַז ער דאַנקט דעם אויבערשטען אויך פאַר דעם וואָס עס איז איהם נישט אַזוי גוט, ווייל "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה".

די עצם זאַך וואָס דאָס שלעכטס ח"ו איז באמת אויך גוט, איז ווי די חז"ל זאָגן (ברכות ה.) אַז יסורים ברענגען דעם מענטש צו חיי עולם הבא. זאָגט רבי שלמה קלוגער, דער צדיק ווערט גערופן "הולך", ווייל ער "גייט" כסדר פון איין מדריגה צו אַ העכערע מדריגה, און דערפאַר איז די ברכה פון "שעשה לי כל צרכי" באַשטימט געוואָרן ווען מ'טוט אָן די שיך, ווייל פונקט ווי די שיך זענען נויטיג פאַר'ן מענטש אַז ער זאָל קענען אַרומגיין אויף זיינע פיס (ווען ער זיצט אויף איין אָרט, דאַרף ער נישט האָבן די שיך), אַזוי דאַרף דער מענטש אָנקומען צו יסורים ח"ו, ווייל דורך דעם קען ער "גיין" העכער און זיין דבוק אין דעם אויבערשטען. וועגן דעם דאַנקט מען פאַר די שיך, "שעשה לי כל צרכי", עכ"ד.

**ח.** הרה"ק רבי משה לייב סאַסוב'ער זי"ע (יומא דהילולא, ד' שבט) האָט דערציילט, אַז אַמאָל ווען ער איז געגאַנגען אין אַ וואַלד איז ער באַפאַלן געוואָרן פון אַ באַנדע רויבערס וועלכע האָבן איהם געוואָלט הרג'ענען ח"ו. פלוצלינג איז אָנגעקומען דער הויפט פון דער באַנדע, וואָס ער האָט געקענט דעם רבי'ן ר' משה לייב פון פריער, ווייל ער האָט געהאַט אַן אָפן הויז פאַר יעדן נויטווענדיגן, וואו ער פלעגט טיילן צו עסן ביד רחבה. האָט דער הויפט רויבער געזאָגט צו רבי משה לייב:

- וויסן זאָלסטו, איך קען דיך נישט הרג'ענען, נאָר איך וועל דיך נעמען צו אונזער באַהעלטעניס וואו מיר האַלטן זיך אויף, און דאַרט געפינט זיך אויך מיין זון, אַ יונג קינד, און איך וויל אַז דו זאָלסט מיט איהם לערנען אַביסל תורה.

האָט רבי משה לייב אַזוי געטוהן. ער האָט אָנגעהויבן לערנען מיט'ן קינד, דער זון פונעם הויפט פון די רויבערס, אָבער דעם קינד'ס מח איז געווען פאַרשטאָפּט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַפילו איין וואָרט וואָס רבי משה לייב האָט מיט איהם געלערנט. יעדע נאַכט, ווען דער הויפט-רויבער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער פאַרהערט זיין זון די לימודים וואָס דער רבי ר' משה לייב האָט געלערנט מיט איהם דורכ'ן טאָג, און זעהענדיג אַז ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָט ער איהם געשלאָגן מערדערליכע קלעפּ. דאָס קינד האָט אָבער געשוויגן, און האָט אַפילו נישט געגעבן איין קרעכץ. נאָך עטליכע וואָכן, ווען דאָס קינד האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָט זיין פאָטער, דער הויפט פון די רויבערס, באַפרייט רבי משה לייב סאַסוב'ער, און מיטגעשיקט מיט איהם זיין זון, אַז ער זאָל איהם ווייזן וואו עס געפינט זיך אַ באַוואוינטער ישוב.

ווימרו על ים בים סוף". אַן עבירה וואָס דער מענטש טוט בשוגג, ווערט גערופן "חטא". אַן עבירה במזיד, ווערט גערופן "עון" (יומא לו:). ווען די אידן זענען געווען אין מצרים, איז כאָטש עס איז פאַר זיי שווער געווען צו פאַרשטיין די וועגן פון באַשעפער, פאַרוואָס ער האָט געמאַכט אַז די מצריים זאָלן אַרבעטן שווער מיט זיי, איז דאָס אָבער געווען בשוגג, און אויף דעם זאָגט דער פסוק "חטאנו" (שוגג), ווייל זיי האָבן דאָך נישט פאַרשטאַנען אַז אַלעס איז צוגעגרייט פון הימל פאַר זייער טובה וועגן. אָבער מיר, אויב אונזער אמונה ווערט חלילה אָפגעשוואַכט אין צייט פון אַ הסתר פנים ח"ו, איז עס נישט אַ שוגג, נאָר אַ מזיד ח"ו - "העוינו הרשענו" ("העוינו" איז פון לשון "עון").

די סיבה פאַרוואָס אונזערע עלטערן אין מצרים זענען געווען אין דער בחינה פון אַ "שוגג", ווען זיי האָבן געהאַט קשיות פאַרוואָס זיי דאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן, איז דערפאַר ווייל "אבותינו במצרים לא השכילו נפלאותיך" - אונזערע עלטערן אין מצרים האָבן נאָך נישט געזעהן פאַר זייערע אויגן די טיפקייט פון דעם אויבערשטען'ס וואונדערליכע וועגן, אַז זיי וועלן אַרויסגיין פון מצרים מיט אַ "רכוש גדול", און דעריבער "וימרו על ים בים סוף", אָבער די שפּעטערדיגע דורות, וואָס האָבן שוין געזעהן און געוואוסט וועגן די נסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט זייערע עלטערן אין מצרים, האָבן יאָ געדאַרפט פאַרשטיין אַז די גאַנצע שווערינקייט וואָס דער מענטש ליידט ח"ו, איז נישט מער ווי אַ הקדמה און אַ צוגרייטונג צו די גוטס וואָס איז אָנגעגרייט צו קומען, און דערפאַר, "מה יתאונן אדם חי", וואָס האָט אַ מענטש זיך צו באַקלאָגן אויף זיין מצב[ט]?!..

גייענדיג צוזאַמען מיט'ן קינד, האָט דער רבי ר' משה לייב געפרעגט דעם יונגל, ווי אַזוי ער האָט געקענט שווייגן, און אַפילו נישט אַרויסלאָזן איין קרעכץ, ווען זיין טאַטע האָט איהם אַזוי מערדערליך געשלאָגן. האָט דאָס קינד געענטפערט: דער ערשטער כלל וואָס מ'לערנט אויס די רויבערס, איז, אַז מ'דאַרף שווייגן און נישט ענטפערן ווען די פּאָליציי כאַפּט זיי... כדי זיי זאָלן נישט דערגיין פון אונז וואו עס געפינט זיך דאָס וואוין אָרט פון די רויבערס.

האָט רבי משה לייב ווייטער געפרעגט דעם יונגל, אָבער מיט וועלכן כח האָסטו זיך געשטאַרקט צו שטיין פעלזן-פעסט און נישט קרעכצן? האָט דאָס קינד געענטפערט: מ'האָט אונז אויסגעלערנט דריי כללים. א) צו וויסן און געדענקען שטענדיג, אַז דער "זעץ" איז נישט אויף אייביג, עס וועט בקרוב נעמען אַן עק צו די קלעפּ, און עס וועט ווערן לייכטער. ב) דער וואָס שלאָגט איהם איז זיין "פאָטער" וואָס האָט איהם ליב, און סוף כל סוף האָט ער רחמנות אויף איהם, און ממילא, זענען זיינע קלעפּ אַוודאי פאַר זיין טובה וועגן. ג) ביי יעדן קלאַפּ וואָס ער באַקומט, שטעלט ער זיך פאַר אַז דאָס איז דער לעצטער זעץ, און אַזוי קען ער זיך האַלטן שטאַרק און נישט ווערן אונטערגעבראָכן ח"ו.

דער רבי ר' משה לייב פלעגט אַלע יאָרן זאָגן, אַז פון דעם דערמאַנטן יונגל, האָט ער געלערנט אַ דרך אין אמונה, אויך ווען מ'ליידט יסורים ח"ו. ערשטנס, דער מענטש דאַרף געדענקען, אַז "לכל תכלה ראיתי קץ", יעדע שווערע צייט האָט אַ סוף. דאָס רעדל וועט זיך נאָך איבערדרייען, און ער וועט זוכה זיין צו אַ זיס לעבטיג לעבן. צווייטנס, מ'דאַרף וויסן אַז דער וואָס שלאָגט איז דער דערבאַרימדיגער פאָטער אין הימל, און ער שלאָגט מיט גרויס רחמנות. און דריטנס, דאַרף מען שטענדיג טראַכטן אַז דער דאָזיגער קלאַפּ איז דער לעצטער קלאַפּ, און פון דאָ און ווייטער וועט איהם זיין נאָר גוט און וואויל...

**ט.** דער ספינקער רבי, הרה"ק רבי הערשעלע זי"ע, זאָגט אין ספר "תפארת צבי" (פ' ויגש), אויפ'ן פסוק (תהלים צ, טו) "שמחנו כימות עניתנו שנות ראינו רעה". פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַ לשון פון זעהן ("ראינו"), מ'שפּירט דאָך די שווערינקייטן אין אַלע ביינער... אַזוי אויך, פאַרוואָס זאָגט דוד המלך ע"ה "שמחנו" כימות עניתנו, און נישט "היטיב" עמנו כימות עניתנו, דו זאָלסט טוהן גוטס מיט אונז אַזוי ווי די צייטן וואָס מיר האָבן געליטן, ווייל דער חסרון פון די פייניגונגען ("עניתנו") איז דאָך נישט בלויז וואָס עס פעלט אונז שמחה, נאָר דער עצם צער און יסורים.

ענטפערט דער ספינקער רבי, אַז מיר אידן גלייבן באמונה שלימה, זייענדיג "מאמינים בני מאמינים", אַז די גאַנצע הנהגה פון דעם אויבערשטען איז אַ טובה פאַר אונז, און עס האָט אינגאַנצן נישט קיין "רעה" ח"ו. דערפאַר זאָגט דוד המלך ע"ה, שנות "ראינו" רעה, מיר האָבן בלויז "געזעהן" שלעכטס, עס האָט נאָר אויסגעזעהן אַזוי אויבנאויף, אָבער באמת איז עס געווען גוט. וועגן דעם זאָגט מען "שמחנו", דערפריי אונז, ווייל די טובה האָבן מיר דאָך שוין

**אהבת עולם אהבתנו - דעם אויבערשטען'ס ליבשאַפט צו דיר איז אָן קיין שיעור**

**מיר** געפונען אין די מדרש אין דער היינטיגער סדרה, אַ געוואַלדיגע חיזוק ווי גרויס עס איז די ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט צו יעדן איד'.

**דער** מדרש זאָגט (שמ"ר פי"ט, ה) אַז דער אויבערשטער האָט גערופן משה רבינו ע"ה, און איהם געזאָגט, ער זאָל גיין מל'ען די אידן. אַ סאַך פון זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען אויף זיך צו זיך מל'ען. האָט דער אויבערשטער באַפוילן פאַר משה ער זאָל מאַכן דעם קרבן פסח. ווען משה האָט געמאַכט דעם קרבן פסח, האָט דער אויבערשטער גוזר געווען אויף אַלע פיר זייטן פון די וועלט אַז זיי זאָלן פאַרשפרייטן אויף די פיר עקן פון דער וועלט דעם גוטן ריח פון די געבראָטענעם פלייש וואָס האָט געשמעקט פון קרבן פסח, ווי דער פסוק זאָגט (שה"ש ד, טז) "עורי צפון ובואי תימן". דער ריח פונעם קרבן פסח איז געגאַנגען אַזוי ווייט ווי עס דויערט צו גיין 40 טעג.

**ווייבאַלד** די אידן האָבן געגליסט צו עסן פונעם פלייש פון קרבן פסח, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט ביי משה און זיי האָבן איהם געזאָגט: "מיר בעטן דיך, גיב אונז צו עסן פון דיין קרבן פסח". האָט משה זיי געזאָגט: "אַזוי לאַנג ווי איר זענט נישט גע'מל'עט, קענט איר נישט עסן פון קרבן פסח". האָבן די אידן זיך באַלד איבערגעגעבן זיך צו מל'ען, און דאָס בלוט פון קרבן פסח האָט זיך אויסגעמישט מיט'ן בלוט פון מילה. דער אויבערשטער איז אַריבערגעגאַנגען און גענומען יעדן איינצעלנעם איד, איהם געקושט און איהם געבענטשט, ווי דער נביא זאָגט (יחזקאל טז, ו) "ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי", וואָס דאָס מיינט, "חיי בדם פסח, חיי בדם מילה" - דו וועסט לעבן מיט'ן בלוט פון קרבן פסח, דו וועסט לעבן מיט'ן בלוט פון ברית מילה.

**אויב** מ'טראַכט זיך אַריין אין די ווערטער פון מדרש, זעהט מען דאָ די גרויסע ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט פאַר אידישע קינדער, ווייל די אידן וואָס זענען געקומען צו משה'ן, זענען דאָך נישט געקומען דערפאַר ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט מל'ען, נאָר ווייל זיי האָבן געשמעקט דעם ריח פון געבראָטענעם פלייש פון קרבן פסח און זיי האָבן געגליסט דערצו, און פונדעסטוועגן, האָט דער אויבערשטער זיך אַזוי שטאַרק געפרייט מיט זיי, אויף אַזוי ווייט אַז ער האָט גענומען יעדן איד, און איהם געקושט מיט גרויס ליבשאַפט. זעהט מען פון דאָ ווי ווייט דער אויבערשטער קוקט אַרויס אויף יעדן איד וואו ער זאָל נישט זיין, און אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר נישט געפונען, אויב ער טוט תשובה, נעמט איהם דער אויבערשטער אָן מיט אָפענע אָרעמס[א].

---

געהאַט באַלד אין אָנהייב, אפי' דעמאָלטס ווען עס האָט אויסגעזעהן פאַרקערט ח"ו. אויך דאַן איז שוין באמת געווען גוט, עס האָט אונז נישט געפעלט גוטס. געפעלט האָט נאָר די שמחה צו זיך קענען פרייען מיט'ן אויבערשטענ'ס הנהגה. וועגן דעם בעטן מיר אַז דער אויבערשטער זאָל אונז דערפרייען פון יעצט און ווייטער.

**י.** עס איז באַקאַנט וואָס דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט, "הלוואי זאָל איך זוכה זיין ליב צו האָבן דעם גרעסטן צדיק, לכה"פ מיט אַזאַ ליבשאַפט ווי דער אויבערשטער האָט ליב דעם גרעסטן רשע" (זעה אויך "לקט אמרי פנינים", בסו"ס "היכל הברכה", להרה"ק מהרי"א מקאמארנא זי"ע, דף רח).

**יא.** מיט יאָרן צוריק האָט עס פאַסירט, מיט אַ בחור פון אַ היימישע שטוב, וואס איז ליידער געפאַלן מטה מטה ברוחניות, און מיט די צייט, האָט ער זיך באַהאָפטן מיט גאָר שלעכטע חברים. ער פלעגט פון צייט צו צייט, קומען צו זיין טאַטן'ס הויז, מיט זיינע פאַרדאָרבענע חברים, און זיי פלעגן זיך דאָרט אָנטרינקען אויף אַ שרעקליכן אופן. איינמאָל זענען זיי געוואָרן אַזוי שיכור, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו צעברעכן די כלים אין הויז, פאַראורזאַכנדיג אַ שאָדן אויף צענדליגער טויזנטער דאָלאַר. דער זון, וועלכער האָט נאָך געהאַט עפעס אַ געפיל פאַר זיין טאַטן, האָט זיך זייער געשעמט פון דעם וואָס זיינע חברים האָבן דאָ אָנגעמאַכט אין הויז, און איז אַנטלאָפן פון דאָרט. זינט דאַן, איז ער אַריבער וואוינען אין הויז פון איינע פון זיינע חברים. דער פאָטער - פון דער צווייטער זייט - האָט נישט געוואָלט אָפּהאַקן אויף אַ גענצליכן אופן די פאַרבינדונג מיט זיין זון, און האָט איהם געזוכט וואו נאָר מעגליך, אָבער אָן דערפאָלג. דער זון האָט איבערגעריסן יעדע פאַרבינדונג מיט זיינע עלטערן, און אַפילו נישט געוואָלט ענטפערן די טעלעפאָן-רופן פון זיין צוּבראָכענעם פאָטער.

**דעם** אויבערשטען'ס ליבשאַפט צו יעדן איד, זעהט מען אויך פון די ווערטער פון הייליגן ראָפּשיצער רב זי"ע ("זרע קודש", פ' בא, ד"ה "ויאמר ה'") אויפ'ן פסוק אָנהייב סדרה (י, א-ב) "בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו וגו', ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים". משה רבינו ע"ה האָט נישט געוואָלט אַריינגיין אין פּאַלאַץ פון פרעה, צוליב די גרויסע טומאה וואָס האָט דאָרט געהערשט. האָט דער אויבערשטער איהם געזאָגט, "בא אל פרעה", קום מיט מיר צו פרעה, כביכול אַזוי ווי אַ מענטש זאָגט צו זיין חבר, "קום מיט מיר", ווייל דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו איז דאָך אויך געווען דאָרט, צוליב די גרויסע ליבשאַפט וואָס ער האָט פאַר זיינע באַליבטע קינדער, די אידן.

**אַזוי** זאָגט דער מדרש אין דער היינטיגער סדרה (שמו"ר פט"ו, ה) רבי שמעון האָט געזאָגט, גרויס איז די ליבשאַפט פון אידן ביי דעם אויבערשטען, אַז דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן אין אַן אָרט פון עבודה זרה, און אין אַן אָרט פון טינופת, און אין אַן אָרט פון טומאה, כדי אויסצולייזן די אידן פון מצרים.

**און** דער פסוק ברענגט אַ ראיה אַז דער אויבערשטער רוהט דאָרט (אין פרעה'ס הויז), "כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו". קומט אויס אַז איך כביכול רוה דאָרט און איך מאַך שווערער דאָס האַרץ פון פרעה און זיינע קנעכט.

**דערנאָך** האָט דער אויבערשטער ווייטער געזאָגט צו משה: "ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את

---

האָט דער אויבערשטער געהאָלפן, און דער פאָטער האָט געהערט וועגן אַ מומחה אויפ'ן געביט פון צוריקברענגען "נושרים", וועלכע פאַלן ליידער אַוועק פון אידישקייט. ווען דער פאָטער האָט זיך געטראָפן מיט'ן עקספּערט אויף קירוב, האָט יענער דערציילט פאַר'ן טאַטן, אַז דער זון הייבט אָן אַרויסצואווייזן סימנים פון תשובה, און ער האָט שוין אָנגעהויבן גיין אויפ'ן גלייכן וועג. הערנדיג אַזאַ גוטע בשורה, האָט דער פאָטער ווידער פּרובירט זיך פאַרבינדן מיט'ן זון דורכ'ן טעלעפאָן, אָבער דער זון האָט נישט געענטפערט דעם טעלעפאָן. איז דער טאַטע געגאַנגען פּרובירן זיין מזל, דורך אָנקלאַפּן אויפ'ן טיר פון הויז וואו דער זון האָט זיך אויפגעהאַלטן, און אָט זעהט דער טאַטע, ווי מ'קוקט אַרויס דורכ'ן "קוקער" אין די טיר, אָבער די טיר עפנט זיך נישט...

איז דער טאַטע פונעם בחור נאָך אַמאָל אַריבערגעגאַנגען צום "מומחה" און געוויינט מיט ביטערע טרערן, "וואָס נאָך קען איך טוהן אַז מיין זון זאָל וועלן רעדן מיט מיר? וואָס פאַרלאַנג איך דען פון איהם? איך בעט דאָך פון איהם נאָר איין זאַך: ער זאָל איינשטימען צו רעדן מיט מיר...". האָט דער מומחה, וואָס דער ווייטאָג פונעם צובראָכענעם טאַטן האָט אָנגערירט די טיפעניש פון זיין האַרץ, באַשלאָסן צו רעדן וועגן דעם מיט'ן זון. דער מומחה האָט זיך טאַקע באַגעגנט מיט'ן בחור, און איהם געפרעגט, "איך זעה דאָך אַז דו האָסט אָנגעהויבן פאַרבעסערן דיינע וועגן, נו, פאַרוואָס ווילסטו נישט רעדן מיט דיין טאַטן?"... האָט דער בחור געענטפערט:

- איך בין דאָך שולדיג מיין טאַטן צענדליגער טויזנטער דאָלאַר פאַר די שאָדנס וואָס מיינע חברים האָבן אָנגעמאַכט אין זיין הויז, און איך האָב נישט פון וואו צו נעמען געלט צו באַצאָלן. ממילא, וואָס איך האָב איהם צו ענטפערן און רעדן מיט איהם, ווען איך ווייס פאַראויס אַז איך האָב נישט דאָס וואָס מיין טאַטע וויל האָבן פון מיר...

האָט דער "מומחה" געזאָגט צו דעם בחור:

- נאַר איינער! דיין טאַטע דאַרף דען האָבן דיין געלט? ער וויל דאָך נאָר זעהן דיין פנים און הערן דיין קול... דאָס איז איהם פיל פיל וויכטיגער און טייערער ווי דיינע דאָלאַרן!

די מעשה איז טאַקע א מעשה שלא היה (דער אויבערשטער זאָל העלפן ולא יהיה), אבער דער לימוד דערפון איז פאַר אונז אלע שטאַרק נוגע: אַ סאַך מאָל טראַכט דער מענטש ביי זיך, איך האָב דאָך אַזוי פיל געזינדיגט קעגן דעם גרויסן באַשעפער אין הימל, און ער, דער אויבערשטער, פאַרלאַנגט פון מיר אַ סאַך "צאָלונגען". נו ווי אַזוי קען איך ווייזן דאָס פנים פאַר איהם? ווי אַזוי וויל איך ער זאָל אָננעמען מיינע תפילות, אָדער אַז מיין תורה זאָל האָבן אַ חשיבות אין הימל, אויב איך זעה אויס ווי איך זעה אויס. מיין גאַנצע תורה און מצוות וואָס איך וועל מקיים זיין, האָבן חלילה נישט קיין שום תועלת. דער אמת איז אָבער, אַז ער האָט אַ גרויסן טעות. דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נישט פון איהם קיין צאָלונגען, נאָר 100 מאָל מער וויל דער אויבערשטער פשוט אַז מיר זאָלן זיך ווענדן צו איהם, און ווייזן אונזער פנים פאַר איהם מיט תורה און תפילה.

אשר התעללתי במצרים". "התעללתי" איז פון "עולל", אַ קליין קינד, דער אויבערשטער כביכול האָט זיך "קליין געמאַכט" און איז אַראָפּגעגאַנגען "לקטנות כזו שאין שיעור וערך" - צו אַזאַ קטנות, וואָס האָט גאָרנישט קיין שיעור און אָפּשאַצונג. "לצרכיכם" - פאַר אייערט וועגן, כדי אויסצולייזן די אידן פונעם ביטערן גלות אין מצרים.

**יעדער** איינער פון אונז, האָט שוין געשפירט אויף די אייגענע הויט די פיתויים פון יצר הרע, וועלכער וויל איינרעדן דעם מענטש אַז ער איז חלילה "פאַרשטויסן" פון די מחיצה פון באַשעפער, און ער "באַווייזט" איהם מיט דעם, וואָס ער האָט שוין אַ סאַך מאָל פרובירט זיך שטאַרקן אויף זיין יצר הרע, וועלכער שטעלט איהם אונטער שווערע נסיונות, און עס איז איהם נישט געלונגען זיך צו שטאַרקן אויפ'ן יצר. אויך פרובירט ער איינרעדן דעם מענטש, ער זאָל טראַכטן ביי זיך אין האַרצן, וואָס האָב איך צו קעמפן, אפילו אויב איך וועל זיך יעצט שטאַרקן אויפ'ן יצר הרע, וועל איך דאָך צום סוף חלילה ווידער אַריינפאַלן אין זיין נעץ רח"ל.

**באמת,** איז דאָס אָבער אַ פאַלשער דמיון, ווייל דער אויבערשטער זיצט און וואַרט אַז די זאָלסט זיך אומקערן צו איהם, און נאָך מער, דער אויבערשטער האָט אַ געוואַלדיגן נחת רוח יעדעס מאָל ווען די שטאַרקסט זיך אויפ'ן יצר הרע, וויבאַלד עס קומט דיר אָן זייער שווער[יב].

**בחוזק יד הוציאנו - זהירות אין ענינים בין אדם לחבירו**

**אין** דער היינטיגער פרשה לייענען מיר (יא, ז) "ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו". זאָגט דער הייליגער רוזינער זי"ע אַ רמז אין פסוק, די תורה וויל אונז דאָ לערנען, אַז דער מענטש זאָל נישט רעדן מיט אַ שאַרפע שפּראַך צו אַנדערע מענטשן, נאָר ער זאָל שטענדיג רעדן מיט אַ קלאָרע און זיסע שפּראַך, "מענה רך ישיב חימה" (משלי טו, א). דאָס זאָגט דער פסוק: "לא יחרץ" - דער מענטש זאָל נישט זיין "שאַרף און שפּיציג" ("יחרץ", איז פון לשון "חריצים"), נאָר "כ-לב" - אַזוי ווי דאָס האַרץ, אַזוי זאָל אויך זיין די צונג פונעם מענטש (ענליך איז אין "דגל מחנה אפרים", פרשתינו, ד"ה "ולכל").

**הרה"ק** בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע טייטשט ("ליקוטי הרי"ם") דעם פסוק ביי מכת חושך (י, כג) "לא ראו איש את אחיו, ולא קמו איש מתחתיו", אַז די גרעסטע פינצטערניש איז דעמאָלטס ווען "לא ראו איש את אחיו", איין איד "זעהט נישט" זיין ברודער, אַן אַנדערן איד, צו טוהן גוטס מיט איהם מיט ליבשאַפט, אָדער איהם צו העלפן אין צייט פון אַ צרה ח"ו. און נאָך מער: "ולא קמו איש מתחתיו", זיי פאַרלירן אויך פאַר זיך אַליין די אייגענע תקומה ח"ו.

**און** דער פסוק פירט אויס: "ולכל בני ישראל היה אור במושבותם", ווייל יעדער איד דאַרף טוהן גוטס מיט אַ צווייטן[יג], און פאַרמערן אַרויסצואווייזן ליבשאַפט צו זיין חבר (זעה "חפץ חיים", שער התבונה, פ"ה). און פונקט ווי אויף זיך אַליין, וועט דער מענטש שטענדיג געפינען אַ לימוד זכות און אַ מליצה ישרה, צו פאַרענטפערן פאַרוואָס עס איז נישט דאָ נאָך אַזאַ צדיק ווי ער אויף דער גאַנצער וועלט... אַזוי זאָל ער פאַרענטפערן די חסרונות פון זיין חבר, ווי דער פסוק זאָגט "ואהבת לרעך כמוך" - "כמוך" ממש[יד].

---

**יב.** אגב, מ'קען שעפּן גרויס חיזוק פון די ווערטער פונעם סמ"ג ז"ל, אין "ספר המצוות" (מ"ע ג', הלכות עבודת הבורא) אַז דער אויבערשטער גליסט מער אינעם תפילין-לייגן פונעם רשע, ווי פון דעם צדיק! און דער עיקר פון מצוות תפילין איז דאָך צו זיין אַ זכרון פאַר די רשעים, און זיי אויסצוגראָדן צו גיין אויפ'ן גוטן וועג. זיי נויטיגן זיך מער אין אַ "זכר" און חיזוק פון די מענטשן וואָס זענען אויפגעוואַקסן מיט יראת שמים אַלע זייערע טעג.

ער ברענגט אַ ראיה דערצו, ווייל תפילין האָט 4 פרשיות, און אין יעדן איינע פון די פרשיות שטייט דאָס וואָרט "לטוטפות", אויסער איין פרשה, וואָס דער פסוק האָט משנה געווען און געשריבן (שמות יג, ט) "ולזכרון", אונז צו לערנען, אַז דער עיקר חיוב פון תפילין איז פאַר די מענטשן וואָס דאַרפן האָבן מער "זכר".

**יג.** אויף דעם פסוק (דברים ג, כד) "אתה החילות להראות את עבדך את גדלך", זאָגט רש"י "את גדלך - זו מדת טובך".

זאָגן די "בעלי הרמז", אַז רש"י ז"ל וויל אונז לערנען, אַז דאָס "גדלות" פון אַ מענטש, מעסט זיך לויט זיין "מדת טובך" - לויט ווי גוט ער איז צו אַ צווייטן...

**יד.** הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע (יומא דהילולא, ז' שבט), האָט געזאָגט: איך קען נישט געבן אַן עצה ווי אַזוי מ'קען קונה זיין יראת שמים, אָבער איך קען אייך געבן אַן עצה פאַר "אהבת שמים" - דורך "אהבת ישראל". ווען

אַ איד דאַרף שטענדיג מחשיב זיין אַ צווייטן, ווי הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט ("אמרי פנחס" השלם, בהעלותך) אַז אין יעדן איד איז דאָ קדושה און אַ טייערע זאַך, וואָס אַ צווייטער אויסער איהם פאַרמאָגט נישט די דאָזיגע מעלה.

אַזוי האָבן צדיקים אויך געזאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יג, טז) "כי בחוזק יד הוציאנו ה' ממצרים", דורך דעם וואָס זיי האָבן "מחזיק" געווען איינער דעם אַנדערן, האַנט ביי האַנט, אַרויסצוהעלפן און צו שטיצן, האָבן זיי זוכה געווען אַרויסצוגיין פריי

---

דער מענטש אַרבעט אויף די מדה פון אהבת ישראל, ליב צו האָבן אַ צווייטן איד, קומט ער דורך דעם, ליב צו האָבן דעם אויבערשטען.

עס איז טאַקע באַקאַנט די מדה פון אהבת ישראל ביי הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע, אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט נישט געקענט זעהן קיין שלעכטס אויף אַן אַנדערן איד. ער פלעגט זאָגן, יעדער איד איז הייליג, און ס'איז נישט שייך ביי איהם קיין שלעכטס, און דאָס וואָס מ'זעהט אַמאָל אַז ער פירט זיך שלא כשורה, איז דאָס נאָר צוליב דעם חלק פון "גוי", וואָס געפינט זיך אין איהם...

מ'דערציילט, אַז אַמאָל פאַר יום טוב פסח, ווען הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער איז געפאָרן קיין ליזענסק צו זיין הייליגן רבי'ן, דער רבי ר' אלימלך זי"ע, האָט ער מיטגעברענגט אַ שיינעם בעכער, צו שענקען אַלס אַ מתנה פאַר'ן רבי'ן ר' אלימלך. פאָרנדיג אין וואַלד, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט און נישט געוואוסט וואו צו גיין. האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט וויינען פאַר'ן באַשעפער בדמעות שליש, ער זאָל איהם אַרויסנעמען פון זיין קלעם. עטליכע מינוט שפּעטער, האָט רבי דוד'ל באַגעגנט אַ זקן וועלכער האָט איהם געוויזן דעם וועג ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון וואַלד קיין ליזענסק. ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט דער אַלטער איד געזאָגט צו רבי דוד'לען, צוויי זאַכן וואָס ס'איז כדאי פאַר אַ מענטש שטענדיג צו געדענקען:

א. ווען מ'וויל באַהעפטן צוויי ברעטער איינע צום אַנדערן, און איינע האָט אַ "בליטה" שטעקט אַרויס פונעם ברעט, איז די עצה, צו מאַכן אַ "לאָך" אין צווייטן ברעט, און אַזוי קענען די צוויי ברעטער זיך באַהעפטן איינער מיט'ן אַנדערן, צו זיין אַזוי ווי איין ברעט. דאָס איז אַ רמז פאַר יעדן מענטש, אַז אויב ער וויל זיך באַהעפטן מיט אַנדערע אידן מיט ליבשאַפט און אחדות, איז די עצה, ער זאָל מאַכן אַ "שקיעה" - אַ לאָך - אין זיך... דאָס הייסט, ער זאָל מוותר זיין פון זיך פאַר יענעם, און אַזוי וועלן זיי קענען זיין באחדות.

ב. אנשטאט צו זוכן עוולות ביי יענעם, זאָל מען ענדערש אַריינקוקן אין זיך אַליין, און דאַן געפינט מען אַ סאַך זאַכן וואָס אַליין מתקן צו זיין. דאַן וועט דיין חבר שוין זיין אַ צדיק אין דיינע אויגן.

נאָכ'ן ענדיגן זאָגן די צוויי כללים אין לעבן, איז דער אַלטער איד נעלם געוואָרן. רבי דוד'ל האט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא זכור לטוב.

אַמאָל פאַר פסח, ווען הרה"ק רבי דוד'ל האָט זיך שוין געהאַט אָנגעגרייט מצות אויף יום טוב, און האָט עס געהאַלטן אין אַן אָפּגעהיטענעם אָרט, איז געקומען אַ איד און זיך באַקלאָגט אַז ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט נישט אַריינגענומען אין מויל אַביסל שפּייז. האָט רבי דוד'ל גענומען די מצות וואָס ער האָט באַהאַלטן, און געמאַכט פון דעם "מטעמים" פאַר דעם אָרימאַן, וועלכער האָט זיך דערקוויקט דאָס האַרץ דערמיט. אינצווישן איז די רעביצין אַריינגעקומען פון גאַס, און געזעהן וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָט עס איר זייער געאַרט, און זי האָט געפרעגט איר גרויסן מאַן, רבי דוד'לען: "פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעגעבן דיינע מצות שמורות, וואָס דו האָסט אַזוי שווער געאַרבעט עס אָפּצובאַקן און האַלטן אונטער אַ ספּעציעלע שמירה?". האָט איר הייליגער מאַן, רבי דוד'ל, איר געענטפערט:

- פון וואו אין דער תורה לערנט מען אַרויס אַז מ'דאַרף עסן שמורה-מצה? מיר לערנען עס אַרויס פון פסוק (פרשתינו, יב, יז) "ושמרתם את המצות" (פסחים לח:). נו, פון זעלבן פסוק לערנט מען אויך אַרויס (מכילתא, פ' בא) אַז "מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה", אַ מצוה וואָס קומט דיר אונטער אין האַנט, זאָלסטו עס נישט "זויער" מאַכן, דאָס הייסט, דו זאָלסט עס מקיים זיין תיכף ומיד. האָב איך דעריבער מקיים געווען די דרשה פון די חז"ל, און איך האָב נישט "זויער געמאַכט" די מצוה פון צדקה, נאָר איך האָב אַוועקגעגעבן די מצות פאַר'ן אָרימאַן...

אָט דאָס איז די עבודה פון מדות, און גמילות חסד פאַר אַ צווייטן. מ'זאָל יענעם אַוועקגעבן אַלעס וואָס איז "אָפּגעהיטן" פאַר אונז...

פון מצרים, ווי עס שטייט אין תנא דבי אליהו (רבה, פכ"ג) ווען די יוצאי מצרים, אַז זיי האָבן זיך צוזאַמענגענומען און זענען געזעסן צוזאַמען ביז זיי זענען טאַקע געווען ווי איין קבוצה, און זיי האָבן געמאַכט אַ בונד אַז זיי וועלן טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן.

**אין** די יעצטיגע פרשיות, פרשת וארא, און פרשת בא, לערנען מיר טאַקע וועגן דעם ווי אַ סאַך 'בעלי חיים' האָבן באַקומען שכר פאַר זייערע גוטע מעשים. די ערשטע 'בעלי חיים' זענען געווען די צפרדעים, די פרעש, וואָס האָבן געהאַט מסירות נפש און זענען אַריינגעשפרינגען אין די אויוועגס פון די מצריים כדי צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער, און זיי זענען נישט פאַרברענט געוואָרן, נאָר זענען געבליבן לעבן, און האָבן אַפילו געלעבט לענגער ווי די אַנדערע צפרדעים וואָס זענען געשטאָרבן ווען עס האָט זיך געענדיגט די מכה פון צפרדע (ווי עס שטייט אין ילקוט שמעוני, קפב).

**די** צווייטע 'בעלי חיים' צו באַקומען שכר זענען געווען די הינט, וואָס דער פסוק זאָגט וועגן זיי (יא, ז) 'ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו', די הינט האָבן נישט געבילט אויף קיין שום איד אין מצרים, און פאַר דעם גוטן אַקט, זענען די הינט באַלוינט געוואָרן אַז אין אַלע דורות, זענען מיר באַפוילן געוואָרן צו וואַרפן פאַר די הינט דאָס פלייש פון נבילות און טריפות (מכילתא משפטים, פ"כ, ד"ה "לכלב").

**דאַרף** מען פאַרשטיין, וואָס זענען די צפרדעים אַנדערש ווי די הינט? די צפרדעים האָבן באַקומען שכר נאָר לשעה, אַז זיי זענען נישט אויסגעשטאָרבן ווען עס האָט זיך געענדיגט די מכה פון צפרדע, מה שאין כן די הינט האָבן באַקומען שכר, אַז זיי האָבן פרנסה אויף דורי-דורות? אויך איז שווער, אדרבה, די צפרדעים האָבן דאָך געהאַט מער מסירות נפש ווי די הינט, ווייל זיי זענען אַריינגעשפרינגען אין די ברענענדיגע אויוועגס, אָבער די הינט, איז זייער גאַנצע מסירות נפש באַשטאַנען נאָר אין דעם וואָס זיי האָבן נישט געבילט?

**ענטפערט** הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע, אַז פון דאָ איז אַ ראיה, אַז צו היטן די צונג נישט צו 'בילן' אויף יענעם, און נישט צו טשעפּען איינער דעם אַנדערן, פאַרלאַנגט זיך מער מסירות נפש ווי עס פאָדערט זיך אַריינצושפרינגען אין פייער אַריין...! וועגן דעם איז דאָס מסירות נפש פון די הינט, חשוב'ער ווי פון די פרעש.

**מ'קען** צולייגן, אַז מיר געפינען נאָך צוויי 'בעלי חיים' וואָס האָבן באַקומען שכר: די אייזלען, וואָס צוליב דעם וואָס זיי האָבן געטראָגן די משאות פון די אידן ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, זענען זיי באַלוינט געוואָרן, אַז מ'איז מקיים ביי זיי די מצוה פון "פדיון פטר חמור" (בכורות ה:). פון דעם לערנען מיר ווי ווייט ס'איז די מעלה פון דעם מענטש וואָס העלפט אַרויס זיין חבר און טראָגט זיין עול, אַז אַפילו אַן אייזל, וואָס איז אַ טמא'נע בהמה, איז דערהויבן געוואָרן צו ווערן היילִיג, דערפאַר ווייל ער האָט געהאָלפן אידן טראָגן זייערע משאות.

**פון** דער צווייטער זייט, האָבן די כינים נישט באַקומען שכר, כאָטש אויך זיי האָבן געטוהן דעם רצון פון באַשעפער ב"ה, ווייל דער וואָס בייסט דאָס פלייש פון אַן אַנדערן, וועט קיינמאָל נישט באַקומען שכר דערפאַר, אפי' אויב ער האָט דערמיט געטוהן דעם באַשעפער'ס רצון...

**מיר** דאַרפן אלעמאָל האַלטן פאַר זיך די מאמר חז"ל (שבת קנא:) "כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים", דער מענטש וואָס האָט רחמנות אויף אַנדערע מענטשן, דערבאַרימט זיך דער אויבערשטער אויף איהם. ממילא, אויב אַ מענטש נויטיגט זיך אין רחמים, איז די מהלך דערפאַר זייער קלאָר, זיך צו דערבאַרימען אויף אַנדערע מענטשן, און אַזוי וועט נתעורר ווערן אויף איהם גרויס רחמים פון הימל.

**אַזוי** האָט געטייטשט הרה"ק רבי מיכל'ע זלאָטשובער זי"ע (מובא בס' "מים רבים", פ' בא) דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יא, ב) "דבר נא באזני העם, וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב". די פשוט'ע כוונה פון פסוק איז, אַז די אידן זאָלן באָרגן גאָלדענע און זילבערנע כלים פון די מצריים. אויף דעם איז אָבער שווער, צו דען זענען די מצריים געווען אַזעלכע "גוטע פריינט" פון די אידן, אַז מ'זאָל קענען באַצייכענען דעם מצרי אַלס "רעהו" ("זיין פריינט") פונעם איד? [אדרבה, אין די גמרא געפינען מיר, אַז וואו עס שטייט "רעהו", קומט עס גאָר ממעט צו זיין, פאַרמינערן דעם גוי (ב"ק לז:)].

**האָט** דער זלאָטשוב'ער מגיד געענטפערט, אַז די כוונה פון פסוק איז, "וישאלו איש מאת רעהו", יעדער איד זאָל בּאָרגן פון זיין חבר - אַ צווייטן איד, און דורך דעם וואָס אידן וועלן האָבן אַ גוט אויג איינער פאַר'ן אַנדערן, און זיי וועלן זיך אויפפירן רחמנות'דיג איינער כלפי דעם אַנדערן, וועט נתעורר ווערן אויף זיי דאָס רחמנות פון די מצריים, אַז אויך זיי, די מצריים, זאָלן וועלן אַוועקבאָרגן פאַר די אידן זייערע גאָלדענע און זילבערנע כלים.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין אַרויסצוגיין פון "מצרים" - יעדער איינער לויט זיין בחינה, סיי בגשמיות[טו], סיי ברוחניות, דערהויבן צו ווערן מעלה מעלה אין די דאָזיגע טעג, ובא לציון גואל במהרה בימינו, אמן.

---

**טו.** די "דורשי רשומות" זאָגן אַ רמז אין נאָמען פון היינטיגן חודש שבט, שב"ט ראשי תיבות ש'מרם ב'רכם ט'הרם. אויך איז שב"ט ראשי תיבות ש'נתבשר ב'שורות ט'ובות, און דער צאַנזער רב, הרה"ק בעל "דברי חיים" זי"ע האָט געזאָגט אַ מליצה אויפ'ן פסוק (תהלים קה, לז) "ואין בשבטיו כושל", שבטי"ו איז מרמז אויף חודש "שבט", וואָס דער זמן איז מסוגל אַז עס זאָל נישט פאַסירן אַ מכשול ח"ו, אמן.